# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:06
מוצאי שב"ק....................8:38

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................ישעי' י"ח-י"ט
בבלי....................סנהדרין ק"ט
ירושלמי......................יבמות ג'
תוספתא...................יבמות י"ג
רמב"ם.................מקוואות א'

פרשת ויקרא, ז' ניסן, שנת תשפ"ה לפ"ק — שנה 14, גליון 27 (695)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקְרָא אֶל משֶׁה, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" פַארְוָואס שְׁטֵייט דָאס וָוארְט וַיִּקְרָא מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין; גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר ווייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, וְוִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב א', כ"א) "ה' נָתַן וַה' לָקָח יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אוּן דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶס צוּרִיק גֶענוּמֶען, זָאל דֶער נָאמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט. אָבֶער אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים, וָואס דָאס מוּז דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְן אִין דִי בֵּיינֶער, אִיז עֶס אָבֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה ווייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

דֶער עִיקָר צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, אִיז נָאר וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז אַלֶעס פִּירְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, אַז סְ'אִיז אַ טֶבַע, מִקְרֶה, אוּן מַזָל. אוּן דָאס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יִסוּרִים אִין זַיין לֶעבְּן, וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גוּט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זַיין קָאפּ אַז גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, מִיט דֶעם וָואלְט עֶר מַמְתִּיק גֶעוֶוען אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ, אוּן עֶר וָואלְט זֵייעֶר גְרִינְג גֶעקֶענְט אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקְר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶס "וַיִּקְרָא" - "עֶר הָאט גֶערוּפְן", עֶר ווייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

רַשִׁ"י זָאגְט, "הַקּוֹל הוֹלֵךְ וּמַגִּיעַ לְאָזְנָיו וְכָל יִשְׂרָאֵל לֹא שׁוֹמְעִין", דֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט. דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ אִיד, זֶענֶען דִי קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן נְבוּאָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס מְרַמֵז זַיין פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ב) אַז פוּן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט שְׁרֵייט אַרוֹיס דֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְוִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אוּן שְׁפִּירְן אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דֶעם אַז עֶר קֶען שְׁטֵיין צְווִישְׁן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער הֶערְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט צוּ אִים.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, ווִיסְן אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן עֶס וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### לָאמִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת פַאר פֶּסַח רוּפְט מֶען "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָּדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע - דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָה כ"ז) אַז אַלֶע נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען ווִידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָּדוֹל" - "גְרוֹיס".

דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה

<<<<<<

## א גוט ווארט

הִיט זִיךְ פוּן מַחְלוֹקֶת אוּן פוּן פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּין. נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, וֶוען אֵיינֶער פַאלְט אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין דִי אִיסוּר פוּן עֶסְן נְבֵילוֹת וּטְרֵיפוֹת, אוֹיבּ עֶסְט עֶר אַ כְּזַיִת חֲזִיר אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דִי כְּזַיִת - אֵיין מָאל אַ לַאו, עֶסְט עֶר נָאךְ אַ כְּזַיִת - אִיז עֶר עוֹבֵר נָאךְ אֵיין לַאו, אָבֶער דֶער וָואס הָאט פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן - אִיז עֶר עוֹבֵר יֶעדֶע רֶגַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דִי לַאו פוּן "לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ" (וַיִּקְרָא יט, יז).

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג - וֶוען מֶען אִיז פַארְנוּמֶען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב - פוּן כַּעַס אוּן מַחֲלוֹקוֹת; עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט אַלֶע הֲכָנוֹת אוֹיבּ עֶס גֵייט צוּ מִיט כַּעַס אוּן מַחֲלוֹקוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִין דִי טֶעג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער. נֶעם זֵיי אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע הֲכָנוֹת, נֶעם זֵיי צוּם מַצָּה בֶּעקֶערַיי, נֶעם זֵיי מִיט אַיינְקוֹיפְן, רוּף זֵיי וֶוען דוּ מַאכְסְט דַיין קַאר וְכוּ'; זֵיי זָאלְן זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט גוּטֶע זַאכְן אוּן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן פְרֵיי אָן קֵיין הַשְׁגָחָה. קִינְדֶער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, וְוִיפִיל מֶען אִינְוֶועסְטִירְט אִין זֵיי אוּן וְוִיפִיל מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשְׁר'ן לְכָבוֹד פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-פָּרָה, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ,
כ"ב אָדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

יֶעצְט וֶוען מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי אַרְבֶּעט פַאר אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן צוּ רֵיינִיגְן אוֹיף פֶּסַח; כָּאטְשִׁיג פוּן אֵיין זַייט אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן לְכָבוֹד פֶּסַח אָבֶּער וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִין הִימְל זֶעט מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט דָא בָּזֶה הָעוֹלָם; יֶעדֶע רִיר, יֶעדֶע בֵּייג אוּן יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע אָטֶעם וָואס דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן לְכָבוֹד פֶּסַח. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל קְדוּשַּׁת לֵוִי - דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן פֶּסַח'דִיג; פוּן זֵייעֶר קְרַאצְן, רַייבְּן אוּן כַּשְׁר'ן וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, דִי זֶעלְבֶּע מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר זֶענְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער יֶעצְט פַאר פֶּסַח מִיט דִי גַאנְצֶע ווִירְטְשַׁאפְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַייךְ, אָבֶּער פוּן הִימְל קוּקְט מֶען זִיךְ צוּ צוּ דִי אַרְבֶּעט וָואס דִי פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט וְכוּ' וַוייל זִי הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויפִיל כֹּחַ עֶר וֶועט הָאבְּן אוּן וִויפִיל עֶר זָאל זִיךְ מוּטְשֶׁען וְכוּ', אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי אַרְבֶּעט פוּן קִינְדֶער וְכוּ' מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי פְּלָאג, דֶעמָאלְט קוּמְט אַנְדֶערֶע פְּלָאג"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, דִי וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן פֶּסַח'דִיג מַאכְן מֵיינְט נִישְׁט אַז זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוֹיס פוּן אַרְבֶּעטְן, וַוייל עֶס קוּמְט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. דֶעריבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אֵייעֶר פְּלָאג, אַרְבֶּעט אוּן מִי גֵייט אַרַיין אִין מִצְווֹת אוּן אִין גוּטֶע זַאכְן. אִין אָנְגְרֵייטְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אִין זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען עֶס אִיז אַייךְ גָאר בִּיטֶער זָאגְט אַרוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט אַ וָוארְט פוּן מוֹיל; זָאגְט: "טַאטֶע, גֶעבּ מִיר כֹּחַ", וֶועט אַייךְ גְלַייךְ גְרִינְגֶער וֶוערְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשע"ט)

זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל"ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן גֶעזָאגְט: "בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁען אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, ווִילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיב נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!" הָאבְּן דִי טַאטֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!", זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי", הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע'הַרְגְ'ט זַיין טַאטֶע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִים זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁען, אוּן אַלֶעס נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

## דֶער שֵׂכֶל אִין גָלוּת

בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעווְאוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פוֹעֶלְ'ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח" - "פֶּה-סָח" אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל ווִיסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

יבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אוֹיף אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט ךְ גֶעוֶוען אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה. דֶערְפַאר אוֹיבּ וִויל מֶען טַאקֶע פַארְעֶכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

## דִי זִיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן "וְעָרְבָה לַה'", דָאס הָאט שַׁייכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען. <<<<<<

<<<<<< מוהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט

דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ עֶרֶב שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קִצּוּר)

### תרעא

כָּאטְשׁ וָואס דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן יֶעדֶעס יָאר אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט זִיךְ דַארְפְן אוֹיפְהַאלְטְן אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב אוֹיף שָׁבוּעוֹת, הָאט עֶר דֶערִיבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אַז זֵיי זָאלְן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן אִין זַיין נָאמֶען, אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט וַואגְן זִיךְ מַטְרִיחַ צוּ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף שָׁבוּעוֹת.

אַזוֹי וִוי ר' נַפְתָּלִי אִיז כְּסֵדֶר גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ זֶען אוּן לֵיינֶען דֶעם בְּרִיוו, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ צוּגֶעאַיילְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוו צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן צוּ אַנְדֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַסַאךְ שְׁטֶעט, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְיָאגְן אוּן פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב.

אוּן אַזוֹי הָאבְּן טַאקֶע גֶעטוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן דִי שְׁטֶעט בְּרֶסְלֶב, נֶעמִירוֹב, טֶעפְּלִיק, אוּן דַאשׁוֹב, זֵיי אַלֶע זֶענֶען נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּרִיוו פוּן ר' נַפְתָּלִי, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### תרעב

זַייעֶנְדִיג אִין שְׁטָאט זַאסְלַאב, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי דַאוֶונֶען אִינֶעם אָרְטִיגְן גְרוֹיסְן שׁוּל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז דִי אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן, כָּאטְשׁ זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶר אִיז. סְפֶּעצִיעֶל דֶער שַׁמָּשׁ פוּן דִי שׁוּל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעצוֹיגְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ אִים.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען דָארְט נָאךְ אוּן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי שׁוּל אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער אָנְגֶעפִילְט, אוּן דֶער שַׁמָּשׁ הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס לַייט, אִיז עֶר אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, זֵיי זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל, זֵיי דַאוֶונֶען הוֹיךְ מִיט חַיוּת אוּן זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צֶעשְׁמֵייכְלְט.

שְׁפֶּעטֶער, אוּם שָׁבוּעוֹת, וֶוען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

<<<<<<

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - "נַחְמָן", אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "פֶּסַח", וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען יֶעדְן אִיד פוּן מִצְרַיִם, דָאס הֵייסְט פוּן זַיין "מֵיצַר", פוּן זַיין עֶנְגְשַׁאפְט, פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם גָלוּת אִין וָואס עֶר לִיגְט אִינֶעם "מֵיצַר יַם", זַיין מֹחַ אִיז צֶעדְרוּקְט. אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן מִצְרַיִם דוּרְךְ "פֶּה סָח", דוּרְכְ'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיךְ אוֹיס, אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאךְ, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת, סֵיי פוּן יֶעדְנְ'ס אֵייגֶענֶע פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, אוּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע גָלוּת.

וֶוען מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ, מֶען זוּכְט אוֹיף אוּן מֶען רוֹימְט אוֹיס דֶעם חָמֵץ פוּנֶעם גַאנְצְן הוֹיז, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַרוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ פוּן הַאַרְץ, וָואס דָאס זֶענֶען דִי קַשְׁיוֹת וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וָואס לִיגְן אִינֶעם הַאַרְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְלַאמְט בְּשַׁעתְ'ן מַאכְן בְּדִיקַת חָמֵץ, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת, מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין פָּנִים טוֹישְׁט קָאלִירְן דִי גַאנְצֶע צַייט, פוּן גְרוֹיס צִיטֶער אוּן בּוּשָׁה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינְמָאל הָאבְּן זַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער אַרוּמְגֶעטַאנְצְן אוּן אִים גֶעשְׁטֶערְט פוּן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט נָאכְדֶעם פַאר זַיינֶע קִינְדֶער ר' שַׁכְנָא אוּן ר' יִצְחָק, "וִויסְן זָאלְט אִיר, אִין דִי צַייט וָואס מֶען אִיז בּוֹדֵק דֶעם חָמֵץ אִין הוֹיז, דַארְף מֶען אוֹיךְ בּוֹדֵק זַיין דִי רוּחְנִיוּתְ'דִיגֶע חָמֵץ אִין הַאַרְץ, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן", אוּן עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט בַּיים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. זַיין זוּן ר' יִצְחָק פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פַאר בְּדִיקַת חָמֵץ, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט יֶעדֶעס מָאל בַּיים דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִישׁ, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם מוֹרָאְ'דִיגְן אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישׁ.

בֵּיי מוֹהֲרַא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַלְץ נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַסַאךְ קְרִיגְן מִיט דִי חֲבֵרִים אוֹיף יֶעדֶע קְלֵינִיקֵייט. אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אִין דִי נַאכְט פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ אַז דֶער בָּחוּר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט אִינְמִיטְן בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין.

נָאכְ'ן עֶנְדִיגְן דִי בְּדִיקַת חָמֵץ הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן אִים עֶרְקְלֶערְט אַז דִי גַאנְצֶע כַּוָּונָה פוּן אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ אִיז אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי כַּעַס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָּר חָמֵץ, עֶס אִיז נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף גוּט בּוֹדֵק זַיין דֶעם סָארְט חָמֵץ אִין אַלֶע ווִינְקְלֶען אוּן שְׁפַּאלְטְן פוּן הַאַרְץ, אַרוֹיסְטְרַייבְּן יֶעדֶעס בִּיסְל כַּעַס אוּן אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, וָואס דָאס אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער חָמֵץ וָואס צֶעבְּרֶעכְט אוּן הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען עֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, פַארְלִירְט עֶר אַלֶעס, אוּן עֶר מוּז גְלַייךְ מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה, אָנְהוֹיבְּן גֶענְצְלִיךְ פוּן נֵיי. אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט מֶען דִי נְשָׁמָה, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּצַוֶּה קפ"ב:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיּוֹב י"ח, ד') "טֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין כַּעַס רַייסְט עֶר אַרוֹיס פוּן זִיךְ זַיין נְשָׁמָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף כַּעַס, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ כַּעַס פַארְלִירְט מֶען גֶענְצְלִיךְ דִי נְשָׁמָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי עִיקָּר בְּדִיקַת חָמֵץ, אִיז אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ בּוֹדֵק אִין אַלֶע שְׁפַּאלְטְן אִין זַיין הַאַרְץ, אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא דָארְט עֶפֶּעס כַּעַס אָדֶער קְפֵּידוֹת. אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ שְׁטִיקְל חָמֵץ אִין הוֹיז, דַארְף מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן בּוֹדֵק זַיין דִי גַאנְצֶע הוֹיז פוּן פְרִישׁ, דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט, דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל גֶענְצְלִיךְ פוּן פְרִישׁ. אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס דִינְט שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ אָבֶּער אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ כַּעַס, דַארְף עֶר מַאכְן אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה פוּן א' בִּיז ת'. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זִיךְ פוּן כַּעַס, וָואס דָאס אִיז מַמָּשׁ חָמֵץ גָמוּר.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תָּמִיד אִין דִי נַאכְט פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַלְץ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא בַּיינַאכְט, אוּן צוּמָארְגְנְס עֶרֶב פֶּסַח הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם בְּרַבִּים.

אֵיינְמָאל עֶרֶב פֶּסַח, וֶוען מוֹהֲרַא"שׁ הָאט פַארְבְּרֶענְט דִי חָמֵץ, הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט דֶעמָאלְט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעגְן, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעגָאסְן אַסַאךְ נַאפְט אוֹיף דִי חָמֵץ אוּן עֶס הָאט גוּט גֶעבְּרֶענְט, אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "בִּיז מֶען פַארְבְּרֶענְט דֶעם חָמֵץ, דַארְף דוּרְכְגֵיין פַייעֶר אוּן וַואסֶער", דָאס הֵייסְט אַז בִּיז מֶען רוֹימְט אַרוֹיס דֶעם יֵצֶר הָרָע פוּן הַאַרְץ, דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

(אִמְרֵי מוֹהֲרַא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָנִים ב'-ד', ז'-י', כ"ג)

<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

זֶענֶען שׁוֹין דָארְט גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס זֶענֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף יוֹם טוֹב.

**תרעג**

צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער ר' יִשְׂרָאֵל שׁוֹחֵט. גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף רֶבִּי"ן, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים צוּגֶעוִויזְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן אִיז עֶר אַרַיין צוּ אִים אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיר זֶענְט דָאךְ אַ לַמְדָן, וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַ לַמְדָנִישֶׁע תּוֹרָה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת, י"ט, ח'), "וַיַּעֲנוּ כָל הָעָם יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה" וְגוֹ', דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוּן עֶס ווּאוּנְדֶערְלִיךְ פַארֶענְטְפֶערְט מִיט לוּמְדוֹת (זֶע אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ק"צ).

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע פְלָאנְטֶערְנִישְׁן, פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן חוּמְרוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער גֶע'עַקְשְׁנְ'ט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַלֶעס אָנְנֶעמֶען.

וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקָרֵב זַיין עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן".

שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אַבִּיסְל חֲרָטָה גֶעהַאט אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן אוּן גֶעבֶּעטְן, "רֶבִּי, זַייט מִיךְ מְקָרֵב צוּ אַייךְ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ קֶען נִישְׁט מְקָרֵב זַיין עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן", דֶער רֶבִּי הָאט אַבִּיסְל גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "מֵיינְסְטוּ דֶען אַז אִיךְ קֶען טַאקֶע נִישְׁט מְקָרֵב זַיין עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן? זִיכֶער קֶען אִיךְ אוֹיךְ מְקָרֵב זַיין עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן", עֶר הָאט אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז וַויל נִישְׁט זִיךְ אַיינְבֵּייגְן זַיין שְׁטָאלְץ פַאר'ן רֶבִּי"ן.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער ר' יִשְׂרָאֵל שׁוֹחֵט אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן אַזוֹי מְקוֹרָב וִוי דִי אַנְדֶערֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי"ן אִין זֵייעֶר יוּגְנְט. וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן בִּשְׁלֵימוּת, נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל דִי אֵייגֶענֶע שְׁטָאלְץ אוּן גַאֲוָה, נָאר וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט.

**תרעד**

גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו פוּן ר' נַפְתָּלִי, הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אִין מָאהְלוּב, הָאט עֶר גֶעהַאט גָאר שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת סַיי פוּן זַיין וַוייבּ אוּן סַיי פוּן זַיין שְׁוֶוער, אוֹיסֶער דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט זַיין אֵייגֶענֶע מְנִיעוֹת אִין זַיין מֹחַ צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים.

כָּאטְשׁ וָואס דָאס מָאל הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעהַאט גָאר אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע מְנִיעוֹת, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער אַלֶעס.

זַיין שְׁוֶוער, דֶער גָאוֹן אוּן צַדִּיק רֶבִּי דָוִד צְבִי זַ"ל, הָאט גֶעוָואלְט פָארְן גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת קַיין קְרֶעמְנִיץ צוּ פִירְן דִי רַבָּנוּת דָארְט, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְלָאזְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי נָתָן אַנְשְׁטָאט אִים צוּ פִירְן דִי רַבָּנוּת אִין שְׁטָאט מָאהְלוּב, אוּן דָא אִיז גָאר בֵּייגֶעפַאלְן פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן קֵיין זַאסְלַאב אוֹיף שָׁבוּעוֹת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **נפתלי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **משה ארי' שניטצלער** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **שמעון עוזר פערל** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**
החתן **שלמה צבי** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **נפתלי קארנבלי** הי"ו טבריה

***

החתן **שלמה קליין** הי"ו בית שמש
**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **שמעון פאלאק** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יודל פעלדמאן** הי"ו לעיקוואד
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה וויינבערגער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **זאב ניימאן** הי"ו בארא פארק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן לונגער** שליט"א קרית ברסלב
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די אפשערן פון זיין זון יוסי נ"י למזל טוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# יערליכע מלמדים קאמפיין

גלייך נאך פורים האט זיך אנגעהויבן די יערליכע מלמדים קאמפיין, אויסצוצאלן אלע איינגעשטעלטע אויף יום טוב פסח, אז זיי זאלן קענען צוגיין צום יום טוב מיט רואיגקייט פון פרייליכקייט.

אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן זייער ווארעם צום קאמפיין, אבער עס פעלט נאכאלץ גרויסע סכומים צו קענען אנפילן דעם לאך, און געבן די הרחבת הדעת און שמחת יום טוב פאר די געטרייע איבערגעגעבענע איינגעשטעלטע, וואס געבן אוועק זייער לייב און לעבן פאר די טובה פון די טייערע קינדער.

פארגאנגענע וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן א בריוו צום חשובן מנהל מוסדות היכל הקודש, און וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט ווי פאלגנד: "זאלסט וויסן אז שוין פון חנוכה צאלן מיר נישט די טיטשערס פון בית פיגא, און אויך נישט די סעקרעטערים און די איינגעשטעלטע, און יעצט ווען עס קומט פסח מוזן מיר זיי באצאלן, און אויך די מלמדים האבן מיר נישט צו באצאלן אויף ביז פסח. וויל איך דיר בעטן זאלסט צאמנעמען צדקה ביי אנשי שלומינו און ביי מענטשן וואס האבן א געפיל פאר די מוסדות, זיי בעטן צו העלפן.

עס ליגט אויף מיר גאר א גרויסער עול; אלע מוסדות, די כולל, די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, ביים סוף ווען מען קען זיך נישט דעקן פעלט עס אויף מיר, און יעצט אז דער אדמיניסטראטער ... נרו יאיר זאגט מיר ער דארף האבן ביז יום טוב נאך הונדערט טויזנט פאר די מלמדים צו קענען דעקן ביז פסח, און פאר די טיטשערס וואס מען צאלט נישט פון חנוכה דארף ער האבן קרוב צו צוויי הונדערט טויזנט, פאלט עס אויף מיר.

וויל איך דיר בעטן, יעצט לייג דיינע שיעורים אין דער זייט. איך געדענק מיין זיידע הרב הצדיק רבי יחזקאל רוטה זכרונו לברכה פלעגט אויך לייגן זיינע שיעורים אין דער זייט, ער איז געגאנגען אין שולן, אין הייזער - פון נאך פורים ביז פסח, צו העלפן תלמידי חכמים האבן אויף יום טוב פסח. חול המועד וועסטו משלים זיין אלע דיינע שיעורים, יעצט זאלסטו צאמנעמען צדקה מיר זאלן קענען באצאלן אלע איינגעשטעלטע".

מען קען זיך נאך אנשליסן אינעם קאמפיין, ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות, און מיט דעם אויך ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א, דורכ'ן רופן דעם מנהל המוסדות שליט"א אויף 917-578-0495 און איבערלאזן א מעסעזש.

## א פרייליכן פסח

**שיעורי התחזקות, שיעורי תורה, שיעורי הלכה, הגדה, מעשיות פאר קינדער, זיך צוצוגרייטן צום הייליגן יום טוב פסח**

# קול ברסלב

# 212-444-9191

**1, 1, 9, 6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

# 718-387-2691

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >